בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

## פאר'ן שבת טיש



פרשת וישלח
י"ט כסלו שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 7
(22)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל - 'קִרְיַת בְּרֶסְלֶב' לִיבֶּערְטִי; שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ד', מַעֲשֶׂה נִסִּים, מִמֶּלֶךְ שֶׁגָּזַר שְׁמַד.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

דֶער נָאךְ אִיז דֶער מֶלֶךְ גִישְׁטָארְבְּן. אִיז גִיוָואְרִין זַיין זוּן מֶלֶךְ. דֶער זוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ פִירִין דִי מְדִינָה מִיט גוּטְן מַחְמַת עֶר הָאט גִיזֶעהְן מַהָאט גִיוָואלְט זַיין פָאטֶער אוֹיס רַייסְן כַּנַ"ל. אוּן עֶר הָאט אַיין גִינוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת. אוּן אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסִין אַז מִיזָאל צוּם אוֹיף רוּפִין אַלֶע שְׁטֶערִין זֶעהֶר. אַז זֵיי זָאלִין אִים זָאגִין. פוּן אַ וָואסֶערֶע זַאךְ קָאן זַיין זֶרַע פַארְשְׁנִיטִין וֶוערִין. כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ דֶער פַאר הִיטִין. הָאבִּין אִים דִי שְׁטֶערִין זֶעהְר גִיזָאגְט. אַז זַיין זֶרַע וֶועט נִיט פַאר שְׁנִיטְן וֶוערִין. נָאר עֶר זָאל זִיךְ הִיטִין פוּן אַ שׁוֹר וָשֶׂה. (דְהַיְינוּ פוּן אֵיין אָקְס אוּן פוּן אֵיין לֶעמִילֶע) הָאט מֶען דָאס פַארְשְׁרִיבְּן אִין דֶעם סֵפֶר הַזִּכְרוֹנוֹת. דֶער מֶלֶךְ הָאט אָן גִיזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלִין אוֹיךְ אַזוֹי פִירִין דִי מְדִינָה וִוי עֶר מִיט גוּטְן. דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גִישְׁטָארְבִּין.

אִיז גִוָואְרִין זַיין זוּן מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין פִירִין דִי מְדִינָה מִיט שַׁארְפְקֵייט אַזוֹי וִוי זַיין זֵיידֶע. אוּן הָאט אָפְּגִינוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת. אוּן אִיז גִיפַאלְן אוֹיף אֵיין חָכְמָה. אוּן הָאט גִיהֵייסִין אוֹיס רוּפִין. אַז עֶס זָאל זִיךְ נִיט גִיפִינֶען אִין זַיין מְדִינָה קֵיין אוֹקְס אוּן קֵיין שָׁאף. כְּדֵי זַיין זֶרַע זָאל נִיט קֶענֶען פַארְשְׁנִיטֶען וֶוערְן. אוּן הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט הַיינְט הָאט עֶר קֵיין מוֹרָא נִיט פַאר קֵיין שׁוּם זַאךְ. אוּן הָאט גִיפִירְט דִי מְדִינָה זֵייעֶר שַׁארְף. אוּן עֶר אִיז גִיוָואְרִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם.

דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיפַאלִין אוֹיף אַחָכְמָה אַז עֶר זָאל קֶענֶען אָפְּנֶעמֶען גָאר דִי וֶועלְט אָן מִלְחָמָה. וָוארִין סֶע פַאר הַאנֶדְן זִיבְּן חֲלָקִים אִין דֶער וֶועלְט. וָוארִין דִי וֶועלְט אִיז גִיטֵיילְט אוֹיף זִיבְּן חֲלָקִים. אוּן סֶע פַאר הַאנֶדְן שִׁבְעָה כּוֹכְבֵי לֶכֶת (דְהַיְינוּ זִיבְּן שְׁטֶערִין וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוּם דִי זִיבְּן טֶעג פוּן דֶער וָואךְ) אוּן אִיטְלֶעכֶער שְׁטֶערִין לַייכְט אַרַיין אִין אַ חֵלֶק פוּן דִי זִיבְּן חֲלָקִים פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן סֶע פַאר הַאנֶדְן שִׁבְעָה מִינֵי מַתְּכוֹת (דְהַיְינוּ זִיבְּן אִירְלֵיי אַייזְן וַוארְג

<<<

## אַ וָוארְט פַארְן שַׁבָּת טִישׁ

הַיְלָדִים אֲשֶׁר חָנַן אֱלֹקִים אֶת עַבְדֶּךָ
(בְּרֵאשִׁית ל"ג, ה)

אִיךְ:

בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן - הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה. גֵיי אִין אַ וִוינְקְל וואוּ קֵיינֶער הֶערְט דִיר נִישְׁט אוּן וֵויין צוּ אִים וִוי אַ קִינְד וֵויינְט צוּ זַיין טַאטֶע, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ מִיר אוֹיסְגֶערֶעדְט אוּן מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ וִוי עֶר אִיז סֵיי דֶער טַאטֶע אוּן סֵיי דִי מַאמֶע, סֵיי דִי מַאן אוּן סֵיי דִי וַוייבּ; עֶר דַארְף אַלֶעס טוּן וְכוּ', זַיין וַוייבּ טוּט גָארְנִישְׁט. הָאבּ אִיךְ אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט "אַז דוּ בִּיסְט סֵיי דֶער טַאטֶע אוּן סֵיי דִי מַאמֶע, זֵיי שׁוֹין אוֹיךְ דִי בֶּעבִּי, זַיי דִי קִינְד וָואס וֵויינְט; גֵיי אִין אַ וִוינְקְל אוּן וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין דֶער טַאטֶע, דִי מַאמֶע אוּן יֶעצְט בִּין אִיךְ אַ קְלֵיין קִינְד, אִיךְ וֵויין צוּ דִיר, הֶעלְף מִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת".

יֶעצְט קוּמְט שׁוֹין חֲנוּכָּה; דִי שֶׁענְסְטֶע חֲנוּכָּה מַתָּנָה וָואס דוּ קֶענְסְט גֶעבְּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אִיז אַז עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ; קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט מֶער, קִינְדֶער דַארְפְן אַ טַאטֶע מַאמֶע וָואס לִיבְּן זִיךְ. אַ גוּט שַׁבָּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח תש"פ לִפְרָט קָטָן)

דהיינו גאלד און זילבער און קופער און צין וכו') און איטליכער שטערין פון די זיבן שטערין לייכט אריין אין א באזונדער מין אייזן ווארג. איז דער מלך גיגאנגען און האט צום אויף גינומען די אלע זיבן ערליי אייזן ווארג. און האט גיהייסן מיזאל אים ברענגען אלע גילדענע פאטרעטין פון אלע מלכים וואס זיי העננגען אין זייערע פאלאצין. און ער האט גימאכט דער פון א מענש. דער קאפ איז גיוועזן פון גאלד, דער גוף פון זילבער. און אזוי די איבריקע אברים זענען גיוועזן פון אנדערע אייזן ווארג. סע גיוועזן אין דעם מענטשן אלע זיבן אירליי אייזן ווארג. און ער האט דעם מענש גישטעלט אויף א הויכן בארג. האבן אלע שבעה כוכבי לכת (דהיינו אלע זיבן שטערין) אריין גיליכט אין דעם מענשן. און אז א מענש האט גידארפט עפעס איין עצה אדער א משא ומתן. און האט ניט גיוואוסט אויב ער זאל יוא טאן אויב ניין. פלעגט ער זיך שטעלין א קעגין דעם אבר פון דעם אייזן ווארג וואס סע קער צו דעם חלק פון דער וועלט. וואס דער מענש איז פון דארט גיוועזן. און דער מענש האט אין זין גיהאט אויב ער זאל טאן די זאך וואס ער האט באדארפט אויב ניין, און אז ער האט באדארפט יוא צו טאן. פלעגט לייכטן און שיינען דאס אבר. און אז ניט איז פינצטער גיווארין דאס אבר. (דאס האט אלץ דער מלך גיטאן) און דורך דעם האט ער אפגינומען גאר די וועלט. און האט איין גיזאמילט זייער אסאך געלט.

נאר דער מענש וואס ער האט גימאכט פון די זיבן אירליי אייזן ווארג. איז ניט מסוגל גיוועזן צו דער זאך. נאר באופן אז דער מלך זאל משפיל גאים זיין און זאל מגביה שפלים זיין (דהיינו גרויסע לייט זאל ער אראפ ווארפין פון זייער גדולה און קליינע לייט זאל ער אויף הייבן) איז גיגאנגען דער מלך און האט גישיקט אוקאזין נאך אלע יעדניראלין און נאך אנדערע שררות. וואס זיי האבן גיהאט טשינים (דהיינו שררה שאפט) און אורדירס. זענען זיי אלע גיקומען. האט ער זיי משפיל גיוועזן. און האט ביי זיי אוועק גינומען זייערע טשינים. אפילו די וואס האבן גיהאט טשינים נאך פון זיין עלטער זיידן וואס זיי האבין נאך ביי אים פארדינט. האט ער ביי זיי אלע אוועק גינומען. און קליינע לייט האט ער אויף גיהויבין און האט זיי גימאכט אויף זייער אורט (פון די גרויסע לייט) צווישן די שרים וואס דער מלך האט אראפגיווארפין. איז גיוועזן דער אונס (הנ"ל) האט אים דער מלך גיפרעגט וואס איז דיין שררה שאפט. האט ער אים גיענפערט מיין שררה שאפט איז נאר אז איך זאל מעגין זיין איין יהודי בפרהסיא פאר דער טובה וואס איך האב גיטאן דיין זיידן. האט דער מלך ביי אים דאס אוועק גינומען. איז ער ווידער גיווארין איין אונס.

אמאל האט זיך דער מלך גיליגט שלאפין. האט ער גיזעהן אין חלום ווי דער הימל איז לויטער. און האט גיזעהן אלע צוועלעף מזלות. (דהיינו די שטערין אין הימל זענען גיטיילט אויף צוועלעף חלקים א קעגן צוועלעף חדשים. איין חלק שטערין איז אזוי ווי א לעמעלע דאס איז דאס מזל פון ניסן. און דאס מזל פון אייר ווערט אנגירופן שור דהיינו איין אקס. און אזוי איטליכער חודש האט זיין מזל) און ער האט גיזעהן אז שור ושה (דהיינו איין אקס און איין לעמעלע) וואס סע פאר האנדין צווישן די מזלות, לאכין זיי אויס אים. האט ער זיך אויף גיחאפט מיט גרויס כעס. און איז זייער דערשראקין גיווארין. האט ער גיהייסן ברענגען דעם ספר הזכרונות (דהיינו דאס ספר וואס דארט איז אלץ פארשריבן) האט ער גיזעהן אז סע שטייט דארט פארשריבן. אז דורך שור ושה וועט זיין זרע פארשניטן ווערין. איז אויף אים גיפאלין זייער א גרויסער פחד. און ער האט דאס דערציילט דער מלכה. איז אויף איר און אויף די קינדער אויך גיפאלין איין גרויסער פחד. און סע האט אים זייער גיקלאפערט דאס הארץ. און ער האט גירופן אלע פותרי חלומות. (דהיינו די וואס קענען באשיידן חלום) און איטליכער האט זיך פותר גיוועזן. און עס איז אים אבער גאר ניט אריין גיגאנגען אין די אויערין. און עס איז אויף אים גיפאלין זייער א גרויסער פחד. איז גיקומען צו אים א חכם. און האט אים גיזאגט. באשר ער האט קבלה פון זיין פאטער. באשר סע פאר האנדין שס"ה מיני תהלוכת השמש (דהיינו דריי הונדערט מיט פינעף און זעכציג גענג האט די זון) און סע פאר האנדן איין ארט וואס אלע דריי הונדערט און פינעף און זעכציג גענג פון דער זון לייכטן אויף דעם ארט. און דארט וואקסט איין אייזערנע רוט. און ווער עס האט א פחד. אז ער קומט צו דער רוט. ווערט ער ניצול פון דעם פחד (און אזוי האט דער חכם גיזאגט דעם מלך) איז דאס דעם מלך וואויל גיפעלין.

און איז גיגאנגען מיט זיין ווייב און קינדער און מיט גאר זיין זרע צו דעם ארט. און דער חכם איז אויך מיט זיי גיגאנגען. און אין מיטן וועג שטייט איין מלאך. דער מלאך איז איין ממונה אויף כעס. וואריין דורך כעס באשאפט מען א מלאך המשחית (דהיינו איין

מַלְאַךְ וָואס עֶר אִיז מַזִּיק אוּן פַארְדַארְבְּט) אוּן דֶער מַלְאַךְ אִיז אֵיין מְמוּנֶה אִיבֶּער אַלֶע מַשְׁחִיתִים. אוּן דֶעם מַלְאַךְ פְרֶעגְט מֶען דֶעם וֶועג. וָוארִין סֶע פַאר הַאנְדְן אַ גוּטֶער וֶועג פַאר אַ מֶענְשְׁן. אוּן סֶע פַאר הַאנְדְן אַ וֶועג וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט לֵיים. אוּן סֶע פַארְהַאנְדְן אַ וֶועג וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט גְרִיבֶּער. אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדִין כַּמָּה וֶועגִין. אוּן סֶע פַארְהַאנְדְן אַ וֶועג. וָואס דָארְט אִיז פַארְהַאנְדְן אַ פַייֶער וָואס פִיר מַייל פוּן דֶעם פַייֶער וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט. (הָאבְּן זֵיי גִיפְרֶעגְט דֶעם וֶועג דֶעם מַלְאַךְ. הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט דֶעם וֶועג וָואס דָארְט אִיז דָאס פַייֶער) זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען (דְהַיְינוּ דֶער מֶלֶךְ מִיט אַלֶע זַיין זֶרַע מִיט דֶעם חָכָם) אוּן דֶער חָכָם הָאט אַלֵיין גִיקוּקְט פַאר זִיךְ אַלֶע מָאל. אוֹיבּ סֶע דָארְט דָא דָאס פַייֶער. וָוארְן עֶר הָאט גִיהַאט אַ קַבָּלָה פוּן זַיין פָאטֶער אַז סֶע אִיז דָארְט פַארְהַאנְדְן דָאס פַייֶער.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן דָאס פַייֶער אוּן הָאט גִיזֶעהְן אַ סֶע אִיז דָארְט אוּם גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם פַייֶער מְלָכִים אוּן יְהוּדִים אָנְגִיטָאן אִין טַלִית אוּן תְּפִילִין. הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט צוּם מֶלֶךְ. אִיךְ הָאבּ אַ קַבָּלָה. אַז פִיר מַייל פוּן דֶעם פַייֶער וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט אִיבֶּער דֶעם ווִיל אִיךְ נִיט גֵיין וַוייטֶער. דוּ אַז דוּ ווִילְסְט גֵיי. אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט. ווַייל עֶר הָאט גִיזֶעהְן אַז אַנְדֶערֶע מְלָכִים גֵייעֶן דָארְט אוּם אִין דֶעם פַייֶער וֶועט עֶר אוֹיךְ קֶענֶען גֵיין דָארְט. הָאט זִיךְ דֶער חָכָם אָנְגִירוּפְן אִיךְ הָאבּ אַ קַבָּלָה פוּן מַיין טַאטִין. אִיבֶּער דֶעם ווִיל אִיךְ נִיט גֵיין. דוּ אַז דוּ ווִילְסְט גֵיי דִיר אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיגַאנְגֶען מִיט גָאר זַיין זֶרַע. הָאט זֵיי גִיחַאפְּט דָאס פַייֶער. אוּן עֶר אִיז פַארְבְּרֶענְט גִיוָוארִין מִיט גָאר זַיין זֶרַע. אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע אוֹיסְגִירִסְן גִיוָוארִין.

ווִי דֶער חָכָם אִיז גִיקוּמֶען אַהֵיים אִיז גִיוֶוען אַ ווַאוּנְדֶער בַּיי דִי שָׂרִים. וָואס דֶער מֶלֶךְ אִיז פַארְשְׁנִיטְן גִיוָוארִין מִיט זַיין זֶרַע. עֶר הָאט דָאךְ זִיךְ גִיהִיט פוּן אַ שׁוֹר וָשֶׂה פוּן וַואנֶען אִיז דָאס גִיקוּמֶען וָואס זַיין זֶרַע אִיז פַארְשְׁנִיטְן גִיוָוארִין מִיט אִים. הָאט זִיךְ דֶער אוּנֵים אָנְגִירוּפְן. דָארְךְ מִיר אִיז עֶר פַארְשְׁנִיטְן גִיוָוארְן. וָוארִין דִי שְׁטֶערִין זֶעהְר הָאבְּן גִיזֶעהְן (אַז דוּרְךְ אֵיין אָקְס אוּן אֵיין לֶעמֶעלֶע וֶועט זַיין זֶרַע אוֹיס גִירִיסְן וֶוערִין) אוּן הָאבִּין נִיט גְווּאוּסְט וָואס זֵיי זֶעהְן. וָוארִין אֵיין אָקְס מַאכְט מֶען פוּן זַיין פֶעל תְּפִילִין. אוּן אֵיין לֶעמֶעלֶע מַאכְט מֶען פוּן דֶער וָואל צִיצִית צוּם טַלִית. אוּן דָארְךְ זֵיי אִיז דֶער מֶלֶךְ אוֹיסְגִירִיסְן גִיוָוארִין מִיט זַיין זֶרַע. וָוארִין דִי מְלָכִים וָואס יְהוּדִים הָאבִּין אִין זֵייעֶר מְדִינָה יוֹא גִיוואוּנְט. וָואס זֵיי גֵייעֶן אָנְגִיטָאן אִין טַלִית אוּן תְּפִילִין. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין דִי מְלָכִים יוֹא גִיקֶענְט גֵייעֶן אִין דֶעם פַייֶער אוּן סֶע הָאט זֵיי גָאר נִיט גִישַׁאט. אָבֶּער דֶער מֶלֶךְ. ווַייל קֵיין יְהוּדִים וָואס גֵייעֶן אִין טַלִית אוּן תְּפִילִין הָאבִּין נִיט גִיטָארְט זִיצִין אִין זַיין מְדִינָה. אִיבֶּער דֶעם אִיז עֶר אוֹיס גִירִיסְן גִיוָוארִין מִיט זַיין זֶרַע. אוּן דָאס הָאבִּין דִי שׁוֹר וָשֶׂה פוּן דִי מַזָּלוֹת גִילַאכְט אוֹיס אִים. וָוארִין דִי שְׁטֶערִין זֶעהְר הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז דָארְךְ שׁוֹר וָשֶׂה וֶועט זַיין זֶרַע פַארְשְׁנִיטְן וֶוערִין זֵיי הָאבִּין אָבֶּער נִיט גִיווּאוּסְט וָואס זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אִיז דֶער מֶלֶךְ פַארְשְׁנִיטְן גִיוָוארִין מִיט זַיין זֶרַע. אָמֵן כֵּן יֹאבְדוּ כָּל אוֹיבֶיךָ ה'.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרַיין אִין אַ הֶערְלִיכֶע שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דִי שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן זַיין אִין כַּעַס, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: מֶען קֶען גָאר אַסַאךְ רֶעדְן וָואס מִיר קֶענֶען אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, עֶס וֶועט נָאךְ אִיבֶּער בְּלַייבְּן פַאר'ן גַּבָּאֵי הַבֵּית הַמֶּדְרָשׁ נֵרוֹ יָאִיר צוּ רֶעדְן דֶערְפוּן אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואכְן.

וָואס זֶעט מֶען דָא? - אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אִין כַּעַס, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, בַּאשַׁאפְט עֶר דוּרְךְ דֶעם שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען אִים מַזִּיק, ווִי מֶען זֶעט דָא אַז דֶער מַלְאָךְ וָואס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן כַּעַס הָאט גֶעווִיזְן פַאר'ן קֶענִיג דֶעם וֶועג פוּן פַייֶער אוּן אַזוֹי אִיז דֶער קֶענִיג מִיט זַיינֶע קִינְדֶער פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ כַּעַס, אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהַאט אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, אֵיינְמָאל הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעשִׁיקְט אַ שְׁלִיחַ צוּ דֶעם תַּלְמִיד: 'אִיךְ גֵיי בַּאלְד אַרִיבֶּער פָארְן דַיין הוֹיז, ווִיל אִיךְ בַּיי דִיר אַיינְשְׁטֵיין. דֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אַזַא זְכִיָּה דֶער רֶבִּי וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֵיינִיגְן דֶעם הוֹיז ווִי עֶס פַּאסְט פַאר אַזַא חָשׁוּבֶ'עֶר גַאסְט, מֶען הָאט עֶס מַמָּשׁ פֶּסַח'דִיג גֶעמַאכְט, מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן שַׁבָּתְ'דִיגֶע קְלֵיידֶער, 'דֶער רֶבִּי קוּמְט!'

[דֶרֶךְ אַגַב הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

דערציילט: מיין מאמע תחי' האט מיר דערציילט אז ווען זי איז געווען א קליין מיידל פון פינף יאר אלט, איז דער הייליגער סאטמאר'ער רבי זכותו יגן עלינו געקומען אין שטוב פון איינע פון די שכנים צו א ברית מילה, איז איר טאטע הרב רבי אלחנן חיים טייטלבוים זכרונו לברכה געגאנגען צום רבי'ן זיך בעטן אז דער רבי זאל אויך אריבער קומען צו זיי אינדערהיים אויף א באזוך, ער האט געזאגט פאר'ן רבי'ן אז זיין ווייב וועט זיך זייער פרייען אויב דער רבי וועט קומען, דער רבי האט מסכים געווען צו דעם פארשלאג און דער רבי האט געזאגט "באלד וועל איך אריבער קומען", ווי נאר מיין באבע האט דאס געהערט איז ממש געווארן א יום טוב אין שטוב, אזא שמחה דער רבי וועט קומען צו אונז אינדערהיים, די קינדער זענען יענע טאג נישט געגאנגען אין חדר, אלע האבן זיך אנגעטון שבת'דיג, ווען דער רבי איז געקומען האט דער רבי זיך אנגערופן מיט א ווערטל: "געוועינליך ווען איך גיי ערגעץ איז דאס כדי 'אויפצוטון' (אויפשטעלן אידישקייט וכדו'), יעצט בין איך געקומען כדי 'צוליב טון' (טון א טובה פאר מיין באבע)..."]

אינמיטן די העפטיגע הכנות, האט דער תלמיד, דער מכניס אורח, באמערקט אז זיין משרת האט נישט אנגעגרייט די וויין וואס ער האט אים געהייסן אנגרייטן, האט ער זיך פארלוירן און געווארן זייער אין כעס, און האט אנגעהויבן שרייען אויפ'ן משרת: "פארוואס האסטו נישט אנגעגרייט די וויין, פארוואס האסטו פארגעסן...?!" דערנאך איז דער בעל שם טוב אנגעקומען, דער בעל שם טוב הייבט אן ארום קוקן אויף אלע זייטן און פרעגט: "וואו איז דער תלמיד?" האט מען אים געוויזן 'דא איז ער', האט ער נאכאמאל געפרעגט: "וואו איז ער?" ווען מען האט אים נאכאמאל אנגעוויזן אויפ'ן תלמיד האט ער געזאגט: "איך זוך נישט אים, איך זוך דעם בעל הבית, וואו איז ער?" האט מען אים נאכאמאל געוויזן, אזוי איז געווען עטליכע מאל, ביז דער בעל שם טוב האט זיך אנגערופן: "ווען א מענטש איז בכעס, רחמנא ליצלן, גייט אריין אין אים אריין א אנדערע נשמה, ער איז שוין נישט דער זעלבער מענטש, ער איז אן אנדערער מענטש, דערפאר דערקען איך אים נישט אלס דער זעלבער מענטש".

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א ווייטער: כעס איז זייער זייער א שלעכטע מדה; מען דארף אבער וויסן אז מען קען נישט ארבעטן אויסצורייסן כעס ווען מען איז שוין אין כעס, דעמאלט - ווען מען איז שוין אין כעס - איז מען דאך שוין אין כעס, איז שוין זייער שווער צוריק צו דרייען און זיך בארואיגן, מען דארף ארבעטן דערויף נאך איידער מען ווערט אין כעס.

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: די עצה נישט צו ווערן אין כעס איז אזוי, גלייך אינדערפרי ווען דו שטייסט אויף, ווען אלעס גייט נאך גוט, קיינער רעגט דיך נאכנישט אויף, חזר זיך גוט איין: 'אלעס איז דער אייבערשטער, גארנישט איז פון מיר', דאס וועט דיר העלפן דו זאלסט זיך נישט אויפרעגן.

וועגן דעם איז זייער וויכטיג צו האלטן אין איין חזר'ן אמונה, דערציילן 'מעשיות פון תפלה', 'איך האב געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט מיך געהאלפן', 'דער אייבערשטער האט מיך געהאלפן מיט דעם און מיט יענץ וכו' וכו'', דאס ברענגט אז דער מענטש זאל צוקלעבן זיין מח - מחשבה צום אייבערשטן, עס זאל אריין גיין אין אים אז אלעס פירט דער אייבערשטער, און דאן וועט ער זיך שוין נישט אזוי שנעל אויפרעגן.

אז א מענטש חזר'ט אסאך די ריינע 'אמונה', שמועסענדיג מיט דיין חבר - רעדטסטו דיבורים פון אמונה: 'אלעס איז דער אייבערשטער', 'קיינער קען מיר גארנישט גוטס טון און קיינער קען מיר גארנישט שלעכטס טון'; 'דאס וואס איז יעצט געשען איז אויך פונעם אייבערשטן', 'די טרעפפיק - איז דער אייבערשטער', 'די עקסידענט - איז דער אייבערשטער', 'דאס קינד איז אראפ געפאלן, זיך איבערגעדרייט - איז אויך דער אייבערשטער'; אז מען לעבט אזוי מען האלט אין איין חזר'ן אז אלעס איז דער אייבערשטער יעצט קען קיינער מיך נישט אויפרעגן ווייל איך ווייס אז אלעס איז פונעם אייבערשטן.

ווי מער א מענטש חזר'ט אמונה - אלץ רואיגער ווערט ער, ער ווייסט: 'קיינער קען מיר נישט שלעכטס טון', 'דער שכן האט אזוי געטון...' 'מיין שווער האט אזוי געטון...' - אבער איך ווייס אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן, יענער איז געווען

דֶער שְׁלִיחַ עֶס צוּ בְּרֶענְגֶען אוֹיף מִיר, אָבֶער קוּמֶען קוּמְט עֶס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען מֶעג יֶענֶעם טְשֶׁעפֶּען: "אַלֶעס קוּמְט דָאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן..." וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְווייטְן אוּן אַז מ'טְשֶׁעפֶּעט אַ צְווייטְן ווֶעט מֶען גֶעשְׁטְרָאפְט ווֶערְן, אָבֶער מֶען דַארְף אַלֶעמָאל גֶעדֶענְקֶען ווֶער עֶס פִירְט אַלֶעס אוּן ווֶער עֶס טוּט אַלֶעס, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעשֶׁען ווֶעגְן אִים... ווֶעגְן יֶענֶעם... - וַוייל ווֶען נִישְׁט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט עֶס וָואלְט יֶענֶער דִיר גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן. אַזוֹי אוֹיךְ מֵיינְט דָאס נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ יֶעצְט לָאזְן פוּן יֶענֶעם, יֶענֶער זָאל מִיר בַּא'עַוְלָה'ן אָדֶער בַּא'גַנְבֶ'ענֶען; אַז אֵיינֶער בַּאעַוְלָה'ט דִיךְ אָדֶער בַּא'גַנְבֶ'עט דִיךְ רוּף אִים צוּ דִין תּוֹרָה, אָבֶער אִיךְ וַוייס אַז נִישְׁט עֶר אִיז דֶער וָואס הָאט עֶס גֶעמַאכְט, עֶר אִיז נָאר גֶעוֶוען דֶער שְׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט אַלֶץ חַזֶר'ן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים דָאס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (חולין ז:): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה", אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט זַיין פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אוֹיבְן אִין הִימְל אַז דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט זִיךְ יֶעצְט צֶעקְלַאפְּן; אִין הִימְל רוּפְט מֶען אוֹיס: "יַעֲמוֹד יַעֲמוֹד יַעֲמוֹד... פְּלוֹנִי בֶּן פְּלוֹנִי גֵייט כַאפְּן אַ קְלֶעם..." פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אֵיינֶער אַרַיין אִין שׁוּל אוּן גֶעבְּט בְּטָעוּת אַ רִיק דִי טִישׁ אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַ שְׁטַארְקֶע קְלֶעם... דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט זִיךְ אוּן הֵייבְּט אָן שְׁרַייעֶן: "וָואס גֵייט פָאר מִיט דִיר, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעבְּן?!" עֶר הֵייבְּט אָן שְׁלָאגְן אוּן שְׁרַייעֶן וְכוּ'...; וָואס שְׁרַייסְטוּ אוֹיף יֶענֶעם? וָואס בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסֶער זִיךְ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַז דוּ גֵייסְט בַּאקוּמֶען אַ קְלֶעם!

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט עֶטְלִיכֶע בֵּיישְׁפִּילְן: אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גֵיין צוּ אַ אָפִּיס עֶר הָאט דָארְט אַ וִויכְטִיגֶע אַפּוֹינְטְמֶענְט, אָדֶער דַארְף עֶר גֵיין אִין בַּאנְק אַרוֹיס נֶעמֶען גֶעלְט, אָדֶער דַארְף עֶר וִויכְטִיג אַרוֹיס שִׁיקְן עֶפֶּעס אִין דִי פָּאסְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁפֶּעטִיגְט, דִי אָפִּיס נֶעמְט אִים שׁוֹין נִישְׁט אָן, דִי בַּאנְק אִיז שׁוֹין פַארְשְׁפַּארְט, דִי פָּאסְט אָפִּיס הָאט זִיךְ פּוּנְקְט פַארְמַאכְט - דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז אַלֶעס אוֹיסְגֶערֶעכְנְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּם גוּטְן, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס נִישְׁט.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט: בִּפְרָט אִין שְׁטוּב דַארְף מֶען זֵיין אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן, וַוייל אַז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין כַּעַס אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב אוֹיס, ס'אִיז שׁוֹין נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע שְׁטוּב.

בִּפְרָט עֶרֶב שַׁבָּת אוּן עֶרֶב יוֹם טוֹב הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא אַז מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן זִיךְ פַארְטְרָאגְן, דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זָאגְט (סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ): עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב אוּן מַאכְט עֶס זָאל ווֶערְן אַ מַחֲלוֹקֶה צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט, אַזוֹי ווֶעט מֶען נִיצוֹל ווֶערְן פוּנֶעם שָׂטָן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז ווֶען עֶס קוּמְט צוּ אַ צַייט פוּן אַ שִׂמְחָה, דֶעמָאלְט פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר שְׁטַארְק מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן: "וִויפִיל מָאל דַארְף אִיךְ דִיר זָאגְן דוּ זָאלְסְט זַיין גְרֵייט צַייטְלִיךְ?! דוּ הָאלְסְט מִיר אוֹיף..." - יֶעצְט הָאסְטוּ אַלֶעס פַארְלוֹירְן, דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן בְּכַעַס, דֶער מַלְאָךְ אִיז שׁוֹין בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דַיין כַּעַס, יֶעצְט ווֶעט עֶר דִיר שׁוֹין פִירְן וואוּ עֶר וִויל, אִין בְּלָאטֶע, אִין פַייעֶר, אִין גְרִיבֶּער וְכוּ'.

בִּכְלַל דַארְף מֶען וִויסְן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ אַ וַוייבּ, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַ ווֶעג פוּן שְׁטֶעכְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, מִילָא אַז דוּ רֶעדְטְסְט אַזוֹי צוּ דַיין חַבֵר - מֶעג מֶען אוֹיךְ נִישְׁט, אָבֶער בַּיי מֶענְטְשְׁן אִיז לֵיידֶער אַזוֹי, דֶער וָואס קֶען בֶּעסֶער פְלִיקְן, ווֶער עֶס קֶען בֶּעסֶער מַאכְן אַ דְזשׁוּיק אוֹיפְ'ן צְווייטְנְס חֶשְׁבּוֹן דֶער אִיז מֶער גֶעלוּנְגֶען, צוּמָאל שְׁפֶּעט מֶען פוּן יֶענֶעמְס פְרִיוַואטֶע זַאכְן אוּן אַלֶע לַאכְן... פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז יֶענֶער לַאכְט אוֹיךְ מִיט, עֶר וִויל דָאךְ נִישְׁט זַיין דֶער נַאר... אָבֶער רֶעדְן אַזוֹי צוּ אַ וַוייבּ?!; מֶ'דַארְף דָאךְ אַזוֹי אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין שְׁטוּב נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען, נִישְׁט צוּ פְלִיקְן; אוּן אֲפִילוּ צוּ אַ חַבֵר דַארְף מֶען

אויך אַכטונג געבן ווי אַזוֹי מֶען רֶעדט, בִּפְרַט דָא אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מוֹהֲרַא"ש פְּלֶעגְט דֶערְצֵיילְן ווי מֶען פְּלֶעגְט הֶערְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, מִיטְ'ן זָאגְן: "רֶבִּי", בְּעֶפָאר דֶעם נָאמֶען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: רֶבִּי לֵוִי, רֶבִּי חַיִים, רֶבִּי רְאוּבֵן וְכוּ'.

אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אִין כַּעַס, דֶעמָאלְט קֶען דִיר דֶער שְׁלֶעכְטֶער מַלְאָךְ נִישְׁט פַארְפִירְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן, נָאר דוּ וֶועסְט גֵיין אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, און דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין.

אַז מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף שֵׁיין, מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע - דָאס דִי גְרֶעסְטֶע 'הַפָּצָה'. מֶענְטְשְׁן וֶוערְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן וֶוען זֵיי הֶערְן ווי מֶען רֶעדְט פוּן 'הַפָּצָה', טְרַאכְטְנְדִיג: 'אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין מִיט קוּנְטְרֵסִים בַּיי דִי הַייזֶער' - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: 'הַפָּצָה' מֵיינְט נִישְׁט נָאר קְלַאפְּן בַּיי דִי הַייזֶער; אַוַודַאי אַז אֵיינֶער וָויל הָאבְּן גֶעלְט אִיז דִי עֵצָה עֶר זָאל גֵיין 'הַפָּצָה' בַּיי דִי הַייזֶער און אִין דִי שׁוּלְן, אַזוֹי ווי מוֹהֲרַא"ש שְׁרַייבְּט אָן אַ שִׁעוּר מָאל אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל: "אִיךְ גֶעבּ אַ בְּרָכָה, אַז וֶוער עֶס וֶועט גֵיין 'הַפָּצָה' וֶועט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן גֶעלְט אִין טַאשׁ", און דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה, דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן 'הַפָּצָה' הָאבְּן אֵייבִּיג גְרוֹיס שֶׁפַע; אַז דוּ הָאסְט חוֹבוֹת, דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן גֵיי 'הַפָּצָה'; אָבֶּער 'הַפָּצָה' מֵיינְט אוֹיךְ וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף שֵׁיין מַאכְט מֶען אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן זֶען וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט אַזַא דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דוּ וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, אַלֶע וֵוייסְן וואוּ דִי וואוֹינְסְט, אַלֶע וֵוייסְן וואוּ דוּ דְרֵייסְט זִיךְ, אַלֶע קוּקְן דִיר נָאךְ ווי אַזוֹי פִירְן זִיךְ אוֹיף דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ, אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה זָאגְט דִיר אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט, עֶר מַאכְט חוֹזֵק פוּן דִיר, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס מֵיינְט גָארְנִישְׁט, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר גֵייט אַהֵיים דְרֵיידְט עֶר זִיךְ אִין בֶּעט עֶס פַּיינִיגְן אִים זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת 'אִיךְ הָאבּ אַ קָאזְען וָואס דְרֵיידְט זִיךְ אִין 'בְּרֶסְלֶב' און הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען קֶען אִים נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶר רֶעדְט שֵׁיין צוּ מֶענְטְשְׁן' - דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע 'הַפָּצָה', דַיין אוֹיפְפִירוּנְג, אַלֶע וֶועלְן זֶען דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר אִינְגֶערְמַאן אִיז אַ וואוֹילֶער מֶענְטְשׁ.

זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל שְׁטֶעלְן מִיר מֶענְטְשְׁן אָפּ און זָאגְן: אֵיינֶער פוּן דַיינֶע אִינְגֶעלַייט אַרְבֶּעטְן בַּיי מִיר, עֶר אִיז זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן, מֶען קֶען אִים נִישְׁט רִיקְן פוּן זַיינֶע זַאכְן, פוּן דַאוֶוענֶען מִנְחָה, פוּן מִנְיָן, און עֶר אִיז אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, עֶר גְרִיסְט יֶעדְעם אֵיינֶעם שֵׁיין וְכוּ'".

יֶעדֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט אַ מִשְׁפָּחָה אַרוּם זִיךְ, טַאטֶע, מַאמֶע, שְׁוֶוער, שְׁוִויגֶער, זֵיידֶע, בַּאבֶּע, בְּרִידֶער, שְׁוֶועסְטֶער, שְׁוָואגֶערְס, שְׁוֶועגֶערִינְס, פֶּעטֶערְס, עֶלְטֶער פֶּעטֶערְס, און אַזוֹי וַוייטֶער אֲפִילוּ צְווייטֶע קָאזֶענְס וְכַדּוֹמֶה, אַלֶע וֵוייסְן פוּן דִיר, אַלֶע וֵוייסְן אַז דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, דוּ וואוֹינְסְט אִין בְּרֶסְלֶב, עֶר קוּקְט עֶס טַאקֶע אָן זֵייעֶר מָאדְנֶע... דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, זֵיי וואוּנְדֶערְן זִיךְ: 'דֶער אִיז דָאךְ אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, ווי קוּמְט עֶר אוֹיף בְּרֶסְלֶב...?' - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הַפָּצָה וֶוען אַלֶע זֶעעֶן ווי דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף שֵׁיין, דוּ בִּיסְט אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ.

[און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט: אִיךְ מוּז עֶנְק זָאגְן אַבִּיסְל מוּסָר, פְּרַייטָאג בִּין אִיךְ אַרוּם גֶעפָארְן אִין שְׁטֶעטְל הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווי עֶס לִיגְט אָנְגֶעלֵייגְט מִיסְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי אִידִישֶׁע הַייזֶער, אַ אִיד דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין אַז אֲפִילוּ - לְהַבְדִּיל - דִי גוֹיִם זָאלְן אוֹיךְ בַּאוואוּנְדֶערְן אוּנְזֶער רֵיינְקֵייט, נִישְׁט אַז דִי גוֹיִם זָאלְן וִויסְן אַז דִי אִידְן זֶענֶען שְׁמוּצִיג. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אַז 'מֶען הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען מַיין מִיסְט', עֶס דַארְף נָאכְאַלְץ זַיין רֵיין, אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען דַיין מִיסְט טְרָאג עֶס אַלֵיינְס צוּם דָאמְפּ אָדֶער הַאלְט עֶס אִינְדֶערְהֵיים; אִין פָארֶערְנְט פוּן אַ אִידִישֶׁע הוֹיז קוּמְט צוּ זַיין שֵׁיין און רֵיין, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע זָאגְן: "קוּק ווי דָא וואוֹינֶען אַזֶעלְכֶע פַּיינֶע וואוֹילֶע מֶענְטְשְׁן".]

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין אַ שְׁמוּעֶס ווי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיס צוּ דְרֵייעֶן פוּן מַחֲלוֹקֶת, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע, און גֶעזָאגְט: מִיט טַאטֶע און מַאמֶע, שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער קְרִיגְט מֶען זִיךְ נִישְׁט, "אָבֶּער זֵיי מִישְׁן זִיךְ אַרַיין אִין מַיין לֶעבְּן...!" - דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרַיין מִישְׁן אִין דַיין לֶעבְּן נָאר אוֹיבּ דוּ אַלֵיין מִישְׁט זֵיי אַרַיין אִין דַיין לֶעבְּן; לֶערְן זִיךְ אוֹיס דִי זִיסֶע עֵצָה, וֶוען אֵיינֶער קוּמְט מִיט אַ טַעֲנָה: 'מֶען

דאַרף אַהער טון', 'מען דאַרף אַהין טון וכדו'' זאָג דו: "דער שווער איז הונדערט פּראָצענט גערעכט..." "די שוויגער איז הונדערט פּראָצענט גערעכט..." און דו גיי ווייטער דיין וועג; דיין שווער האַלט דיך פאַר: "מען האָט דאָך אָפּגעשמועסט אַז דו גייסט אַרויס נעמען דיינע קינדער פון דעם מוסד?", "אַוודאי וועל איך אַזוי טון, וואָס דער שווער און שוויגער זאָגן אַזוי וועל איך טון, מען האַלט עס נאָך אינמיטן אויסאַרבעטן..."; אָבער חס ושלום זיך מתווכח זיין, זיך קריגן מיט שווער און שוויגער, אָדער אַז מען האַלט דיך פאַר: "איך הער אַז ביי ענק מאַכט מען חתונה יונג, דאַרפסט וויסן וכו'..." זאָג זיי: "חס ושלום, חס ושלום, איך וועל טון נאָר דאָס וואָס דער שווער זאָגט", דערנאָך ווען עס קומט אונטער אַ שידוך זאָלסטו אים זאָגן "עס טוט זיך עפּעס וועגן אַ שידוך..."; אָבער נישט טענה'ן, מען טאָר זיך נישט טענה'ן מיט עלטערן.

דער ראש ישיבה שליט"א האָט צוגעלייגט איבער דאָס חתונה האָבן זויבער ווען מען איז נאָך יונג: איך פרעג אַלעמאָל: "וויפיל עבירות דאַרף אַ בחור טון ער זאָל שוין זיין גענוג ערוואַקסן חתונה צו האָבן...?! און אַפילו לויט דיר וואָס דו האַלטסט אַז ער זינדיגט נישט, אָבער חכמינו זכרונם לברכה זאָגן דאָך (יומא כט.): "הרהורי עבירה קשו מעבירה", שלעכטע מחשבות זענען נאָך ערגער ווי די עבירה אַליינס?!"; דאָס איז נישט קיין ווערטל, טראַכטן פון עבירות איז ערגער ווי די עבירה אַליין, ווי מעג מען וואַרטן אַפילו איין טאָג אָפּהאַלטן די קינדער פון חתונה האָבן?! אָבער חס ושלום זיך טענה'ן און מאַכן מחלוקת מיט די עלטערן.

איך האָב געהאַט אַ בחור אין ישיבה, וואָס האָט מיר געהאַלטן אין איין בעטן: "ראש ישיבה, וואָס וועט זיין מיט אַ שידוך? איך וויל חתונה האָבן!" איינמאָל פרעג איך אים: "וואָס זאָגט דיין טאַטע?" זיין טאַטע האָט נעבעך אָפּגעלאָזט אידישקייט, זאָגט ער מיר: "מיין טאַטע זאָגט אויב איך וועל חתונה האָבן יונג וועט ער אַרעסטירן דעם ראש ישיבה..." האָב איך אים געזאָגט: "דיין טאַטע איז דאָך אַ ליבעראַלער, גיי אַהיים זאָג פאַר דיין טאַטען: 'איך האָב זיך געטראָפן אַ מיידל, איך מעג איר אַהיים ברענגען...?' וועט ער דיר ענטפערן: 'יאָ', - דאָס איז דאָך זייער שיטה, מען דאַרף יעדן מקרב זיין, ווי אַזוי גייט נאָר זייער סלאָגאַן: 'איך רעספּעקטיר דיך, דו רעספּעקטיר מיך...', מען דאַרף געבן ליבשאַפט פאַר יעדן, יעדער האָט די רעכט צו טון און טראַכטן ווי אַזוי ער וויל...! אויב אַזוי וויל איך פאַרשטיין ווען הייבט זיך אָן די זאַך פון טשיילד עביוז? ווען איך קום אַהיים מיט אַ מיידל, דעמאָלט בין איך גוט און מען דאַרף עס נאָך רעספּעקטירן, מען טאָר חס ושלום גאָרנישט זאָגן, ווייל יעדער האָט זיך זיין וועג, אויב אַזוי פאַרוואָס ווען איך טו די זעלבע זאַך נאָר איך געב אויך אַ רינגל מיט צוויי עדים אונטער אַ חופּה ווערט עס טשיילד עביוז...?!

און דער ראש ישיבה שליט"א האָט ווייטער זייער שטאַרק אַרויסגעברענגט: זיך נישט טענה'ן און נישט מאַכן קיין מחלוקת, נאָר גיין צווישן די טראָפּן; מיט דעם אַלעם דאַרף מען אָבער אַכטונג געבן קיינמאָל נישט אַרויס זאָגן מיט'ן מויל אַנדערש ווי מען דאַרף טון, ווייל דעמאָלט קען חס ושלום געשען אַז דו וועסט טאַקע טון וואָס דו האָסט זיי געזאָגט, ווי דער הייליגער רבי זאָגט (ספר המדות אות תשובה סימן יא): "ישמור אדם את פיו מלומר אעשה העבירה הזאת אפילו בדרך ליצנות, כי דבורו מכריח אותו למעשה", אַ מענטש זאָל אָפּהיטן זיין מויל נישט צו זאָגן 'איך וועל טון די עבירה', אַפילו ער מיינט עס בלויז פאַר ליצנות, ווייל דער דיבור וועט אים שפּעטער צוברענגען ער זאָל עס טון, ווי הייליגע גמרא (סנהדרין קב.) פרעגט וואָס האָט צוגעברענגט אַז יהוא וואָס איז געווען אַ גרויסער צדיק זאָל צום סוף זינדיגן? ענטפערט אַביי: צוליב דעם וואָס ער האָט אַרויס געזאָגט מיט זיין מויל פאַר די נביאי הבעל (מלכים-ב, י, יח): "אחאב עבד את הבעל מעט, יהוא יעבדנו הרבה", איך וועל דינען עבודה זרה, - אַפילו ער האָט דאָס נישט געמיינט מיט אַן אמת, ער האָט דאָס נאָר געזאָגט כדי אויסצוהרג'ענען די נביאי הבעל, דאָך האָט דאָס אים צוגעברענגט אַז צום סוף זאָל ער זינדיגן, דערפאַר אַפילו די דרייסט זיך אַרויס, זאָלסטו אָבער קיינמאָל נישט זאָגן: 'איך וועל נישט חתונה מאַכן יונג', נאָר אַלעמאָל אַכטונג געבן ווי אַזוי די דרייסט זיך אַרויס.

דער ראש ישיבה שליט"א האָט ווייטער ממשיך געווען וועגן דעם ענין פון זיך אַרויסדרייען מיט

חָכְמָה: אֵיינְמָאל ווען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן ווֵיינֶענְדִיג אַז זַיין וַוייבּ אִיז אַנְטְלָאפְן אוּן זִי ווִיל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען נָאר בִּתְנַאי אַז עֶר שְׁרַייבְּט אוּנְטֶער אַז עֶר וֶועט מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט פָארְן קֵיין אוּמַאן, הָאט אִים מוֹהֲרַא"שׁ גֶעזָאגְט: קֶענְסְט אוּנְטֶער שְׁרַייבְּן, שְׁרַייבּ אַזוֹי: "אִיךְ זָאג צוּ אַז אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט (טְרַאכְט: פָארְן צוּ דִי לְבָנָה) פָארְן קֵיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה (טְרַאכְט: וֶועל אִיךְ בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יֶעדְעס יָאר)"...

דֶערְנָאךְ הָאבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבֶּעטְן: אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַ אַחְדוּת צְווִישְׁן אַלֶע אֵיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל, אֵיינֶער זָאל הֶעלְפְן דֶעם אַנְדֶערְן, עֶס הַאלְטְן זִיךְ אִין אֵיין אַרַיינְצִיעֶן נֵייעֶ מִשְׁפָּחוֹת, דַארְף מֶען זֶען יֶעדְעס אֵיינֶעם מְקָרֵב זַיין, יֶעדְעס אֵיינֶעם אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

דֶער עִיקָר אִיז אַז עֶס זָאל זַיין אַחְדוּת אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַחְדוּת אִינְדֶערְהֵיים אִיז אוֹיךְ דָא אַחְדוּת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אָבֶּער אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין אַחְדוּת אִינְדֶערְהֵיים, מֶען אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן אִינְדֶערְהֵיים, אִיז מֶען אָנְגֶעצוֹיגְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אַז אֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ אִינְדֶערְהֵיים ווען עֶר קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מוּז עֶר בַּעַל הַבַּיִת'עֶווען אוֹיף דֶעם אוּן יֶענֶעם, עֶר מוּז יֶעדְעם בַּייסְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקָר עֶס זָאל זַיין אַחְדוּת אִינְדֶערְהֵיים, לֶעבְּן צוּזַאמֶען מִיט דִי וַוייבּ; פּוּנְקְט ווִי דוּ בִּיסְט זִיךְ אַלֵיין דָן לְכַף זְכוּת אַזוֹי זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיךְ דָן זַיין לְכַף זְכוּת, ווען דוּ פַארְגֶעסְט עֶפֶּעס אָוֶועק צוּ לֵייגְן טְרַאכְסְטוּ: 'אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט פַארְגֶעסְן', אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס ווען עֶס גֶעשֶׁעט בַּיי דַיין וַוייבּ זִי הָאט פַארְגֶעסְן צוּ אַרְלֶעדִיגְן עֶפֶּעס שְׁרֵייעֶסְטוּ אוֹיף אִיר: "אֵייבִּיג פַארְגֶעסְטוּ, הָאסְט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אָוֶועק לֵייגְן...?!"; דַיין סוּכָּה שְׁטֵייט נָאךְ זֵייט סֻכּוֹת, הָאסְט עֶס נָאכְאַלְץ נִישְׁט אָוֶועק גֶעלֵייגְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט אַ גוּטֶע תֵּירוּץ, אָבֶּער דַיין וַוייבּ פַארְשְׁטֵייסְטוּ נִישְׁט פַארְוָואס זִי קֶען נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען דִי הוֹיז... זַיי אִיר דָן לְכַף זְכוּת, הֵייבּ אִיר אוֹיף, גֶעבּ אִיר גוּטֶע ווֶערְטֶער.

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קֵיין קָאמְפְּלִימֶענְטְן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ, אָבֶּער אוֹיף דֶעם הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ קָאמְפְּלִימֶענְט, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מִיר אַפָּאר מָאל גֶעזָאגְט לֵיל שִׁשִּׁי נָאכְ'ן שִׁיעוּר: "מֶען דֶערְקֶענְט אוֹיף אַ אִינְגֶערְמַאן צִי עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי דִיר, מֶען זֶעט ווִי זֵיי זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, זֵיי הָאבְּן גוּטֶע לִימוּדִים ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ"; אַמָאל וַוייזְט מִיר מוֹהֲרַא"שׁ: "קוּק דֶער אִינְגֶערְמַאן, עֶר אִיז אַזוֹי בִּיטֶער, מֶען זֶעט אוֹיף אִים אַז עֶר ווֵייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אִין שָׁטוּב".

דֶּרֶךְ אַגַּב אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס: אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט ווִי מוֹהֲרַא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעגְלֶעט אוּן גֶעטֶשׁעפְּטֶשׁעט אַזוֹי ווִי בַּיי אַנְדֶערֶע רֶבִּי'שֶׁע פְלֶעצֶער, 'אַה! סְ'אִיז דָא נָאךְ מַעֲרִיצִים אוּן יְדִידִים', מוֹהֲרַא"שׁ הָאט נִישְׁט נוֹשֵׂא פָּנִים גֶעוֶוען פַאר קֵיינֶעם; בְּעֶפָּאר אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרַא"שׁ, וואוּ אִיךְ בִּין נָאר גֶעגַאנְגֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין בַּאקוּמֶען קָאמְפְּלִימֶענְטְן, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַזוֹיפִיל קָאמְפְּלִימֶענְטְן אַז דָאס אִיז מִיר שׁוֹין גֶענוּג פַאר מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן... "רֶבִּי יְחֶזְקְאֵל'ס אַן אֵיינִיקְל, זֶעץ אִים אַרוֹיף אוֹיפְ'ן אוֹיבְן אָן..."; בַּיי מוֹהֲרַא"שׁ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דִי אַלֶע זַאכְן, עֶר הָאט נִישְׁט נוֹשֵׂא פָּנִים גֶעוֶוען פַאר קֵיינֶעם, נִישְׁט קֵיין חִילּוּק אַן אָרִימַאן, אַן עוֹשֶׁר, אַ בָּחוּר'ל, אֵיין זַאךְ הָאט עֶקְזֶעסְטִירְט בַּיי אִים: 'תּוֹרָה וּתְפִלָּה'; נָאכְאַמָאל תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן נָאכְאַמָאל תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

דָאס דַארְפְן מִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס, לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, וּבִפְרָט אִין שְׁטוּבּ; וַוייל ווען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אִינְדֶערְהֵיים בְּאַחְדוּת, עֶר פִּירְט זִיךְ אוֹיךְ שֵׁיין, אִיז עֶר אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, זַיין קָאפּ אִיז אִים אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, אוּן עֶר קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם.

לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם. תְּרוֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל. דִי אַיְזֶערְנֶע רוּט. נִנְתְּקָה אֶת מוֹסְרוֹתֵימוֹ וְנַשְׁלִיכָה מִמֶּנּוּ עֲבוֹתֵימוֹ. דָאס אִיז צִיצִית אוּן תְּפִילִין. דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם קַאפִּיטְל. אַז וואוֹיל דֶעם וָואס עֶר וֶועט עֶפֶּעס ווִיסְן אִין דִי מַעֲשִׂיּוֹת. וָואס זֶענֶען דוּרְךְ גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ד', מַעֲשֶׂה נִסִּים, מִמֶּלֶךְ שֶׁגָּזַר שְׁמַד, חֵלֶק ד' פָּארְגֶעלֶערְנְט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל - 'קִרְיַת בְּרֶסְלֶב' לִיבֶּערְטִי)